STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11773

AVRAHAM SUTSKEVERS LIDER FUN TOGBUKH

Isaiah Spiegel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיהו שפּיגל

אַברהם סוצקעווערס לידער פון טאָגבוך

עסייז

קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור

ביבלוס BIBLOS

תל־אָביב 1979

ישעיהו שפיגל • אַבֿרהם סוצקעווערס לידער פֿון טאָגבוך • עסיי •
געשריבן זומער 1977 • אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג ביבלאָס •
תּל־אָבֿיבֿ • ישׂראל •

Yeshayahu Spiegel • Abraham Sutzkevers Lider fun Togbukh • Essay • Published by Biblos •

Printed in Israel 1979 נדפס בישראל

דפוס קואופ׳ ״אחדות״ בע״מ, תל־אביב

פֿאַר דבֿ סדן

ביכער וועגן אַבֿרהם סוצקעווער

יחזקאל בראָנשטיין
גערהיימשטאָט פֿון אַבֿרהם סוצקעווער, מעקסיקע 1952

פֿון דריי וועלטן
אַנטאָלאָגיע. ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין "ה. ד. נאָמבערג", בוענאָס־איירעס 1953. אָפּשאַצונגען און לידער וועגן און פֿון א. סוצקעווער. אַרויסגעגעבן צו זײַן פֿערציקסטן געבוירן־טאָג

יובֿל־בוך
צום פֿופֿציקסטן געבוירן־טאָג פֿון אַבֿרהם סוצקעווער
רעדאַקציע: זלמן שזר, דבֿ סדן, מ. גראָס־צימערמאַן. תּל־אָבֿיבֿ 1963

שלמה ביקל
די ברכה פֿון שיינקייט (עסייען וועגן אַבֿרהם סוצקעווער) פֿאַרלאַג המנורה, תּל־אָבֿיבֿ 1969

יודל מאַרק
אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעטישער וועג, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָבֿיבֿ 1974

אַבֿרהם נאָווערשטערן
אַבֿרהם סוצקעווער־ביבליאָגראַפֿיע, פֿאַרלאַג ישׂראל־בוך, תּל־אָבֿיבֿ 1976. פּאָרטרעט פֿון אַבֿרהם סוצקעווער: זיגמונט שרעטער

ישעיהו שפּיגל
אַבֿרהם סוצקעווערס לידער פֿון טאָגבוך, פֿאַרלאַג ביבלאָס, תּל־אָבֿיבֿ 1979

י. ח. בילצקי
השיר והמשורר (א. סוצקבר) הוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב 1962

Ruth Wisse
Green Aquarium, A critical study at fiftien jiddish prose poems by Abraham Sutzkever
(אַן אַרבעט פֿאַר אַן „עם־עי דאָגרי" אין פֿילאָסאָפֿיע אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק)

Joseph Leftwich
Abraham Sutzkever, partisan Poet, Thomas Yoseloff, London—New York 1971

Rachel Ertel
Abraham Sutzkever ou la quête du beau. Revue de l'Ecole Nationale des Langues Orientales (Extrait). Presses universitaires de France, 1967

א

יעדעס מאָל, ווען ס'קומט אויס זיך אַרײַנצוויום־טובֿן און גוט זיך אָנצוגורטן מיט אַ סך זעלישע און דמיונישע כוחות, כּדי אויפֿצונעמען אַ נײַ לידערבוך פֿון אַבֿרהם סוצקעווער — און טייל מאָל עפּעס מפֿרש זײַן פֿאַר זיך גופֿא און אויך פֿאַרן לייענער וועגן דער זעלטענער מתּנה וואָס דער פּאָעט טראָגט־צו דער ייִדיש־ליטעראַטור — ווערט מען שוין לכתּחילה, נאָך איידער מען ווערט שיכּור פֿון דער עשירות, פֿון דער הויכער טעמפּעראַטור פֿון זײַן פּאָעטישן פֿײַער, אַרומגערינגלט פֿון סוצקעווערס טויזנט־גאַמיקער קלאַנגען־כוואַליע און אימאַזשן־סימפֿאָניע אין זײַן שוין בײַז־איצט אויסגעזונגענער פּאָעטיק. וואָרעם, מיר שטייען בײַ זײַנס אַ נײַ בוך אויף ס'נײַ פֿאַר־גאַפֿט, הימל־הויך דערהויבן און אויך באַלד געשלײַדערט תּהומיק־טיף צווישן די אויסערגעוויינטלעכע געמעלן, מוזי־קאַלישע אינטערמעצאָס און בראשיתדיקע אויסבראָכן פֿון שיינקייט, דורכן כּישוף־וואָרט פֿון אײנעם פֿון אונדזערע גרעסטע, וואָס ייִדיש־לשון האָט אַרויסגעגעבן אין משך פֿון דורות.

אויב איך זאָג פֿון אונדזערע גרעסטע, איז די כּוונה נישט, חלילה, צו פֿאַרמינערן מיט אַ האָר די שוין לאַנג־אײַנגעפֿונדע־וועטע גרויסקייט און שאַפֿערישע גבֿורה פֿון יענע בעלי־יצירה אין ייִדיש, וואָס האָבן אונדזער ליטעראַטור אָנגעטאָן די שענסטע קרוינען, איר געגעבן דעם דויער פֿון אומשטאַרבי־קייט. אָבער אינעם כאָר פֿון די גרויסע ייִדיש־זינגערס זעט

מיר תּמיד אויס די פּאַטעטישע פּידל פּון אַבֿרהם סוצקעווער צו פּאַרמאָגן נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס די אַנדערע האָבן עס אויך, אָבער אין אַ קלענערער מאָס און שוווּנג. אַ געהיימע, נײַע סטרונע וויברירט ספּאַזמאַטיש אויף זײַן פּאַטעטישער פּידל. אָבער וואָס אַזוינס איז די דאָזיקע געהיימע סטרונע? פּון וואַנען שטאַמען אירע דינסטע, דממה־דקהדיקסטע כליפּע־רײַען? פּון וואַנען די תּפילהדיקע באַך־פּאַראַגראַפּן, די פּאַטעטישע, בעטהאָווענישע וואָרט־קאָנוווּלסיעס, וואָס לייזן זיך אויף אין דער האַרמאָניע פּון אַן איבערערדישער שיינ־קייט?

ס'איז שוין אַזוי אָפּט געשריבן געוואָרן אויסנעמלעך־גוטס און פֿײַערלעך־דערהויבנדיקס אין פֿאַרשיידענע נוסחאות וועגן זײַנע כּישוף־פּערזן און שיינקייט־ברכה, מיט וואָס אַבֿרהם סוצקעווער איז געבענטשט געוואָרן, אַז ס'דוכט זיך: וואָס אַזוינס קען מען נאָך צוגעבן צום דאָזיקן כאָר פּון תּהילה? וואָסערע נײַע, נאָך נישט אַרויסגעבראַכטע קריטישע פֿאָרמו־לירונגען, שבֿחים, אַנאַליזן און כּלערליי אימפּרעסיעס וועגן פּערז, גראַם, מוזיק, בילד, פֿאַרב און ריח פּון זײַן יצירה? מיר ווייסן, אַז זי האָט זיך אָנגעהויבן אונטער די בלענדנ־דיקע סיבירער קינדהייט־הימלען. דאָרט האָבן זיך צו אים אַנטפּלעקט די ערשטע נסיונות און לעבנסגרוילן ביז ער איז דערגאַנגען צום הויכן פּאַטעטישן געוויין, אָבער איינצײַטיק אויך צום ליכטיקסטן גלויבן אין שיינקייט. און דאָס דווקא בעת די וועלפּיש־פֿאַרצוקנדיקע יאָרן פּון יידישן טויט אונטער די פֿינצטערע, ליידיקע געטאָ־הימלען. למשל:

איך דאַרף זיך נאָך פֿאַרוואַנדלען אין אַ קינד פֿון זעקס ציי זיבן,
איך דאַרף צעטרייסלען ווערטער, זייער מאַכטיקע אימפּעריע,
איך דאַרף באַשאַפֿן אַנדערע, צו קאָנען אַנדערש ליבן.

ז' 19

שוין די אַ שורות בײַם אָנהייב פֿון די לידער פֿון טאָגבוך פֿאַר־טרויען אונדז עפּעס פֿון זײַן געהיימער וואָרט־לאַבאָראַטאָריע. זיי עפֿענען אַ דינע שפּאַרונע אין דער סודות־וועלט פֿון זײַן פּאַטעטישן חלום: די אַנגסטיקע מלחמה מיט דער "מאַכטיקער אימפּעריע" פֿון מענטשלעכן וואָרט, כּדי צו "באַשאַפֿן אַנדערע, צו קאָנען אַנדערש ליבן". און ליבן מיינט דאָ דאָס פּשוטסטע פֿון פּשוטן: עטעמען, לעבן, ליב האָבן די ערד,ביימער, שאָטנס און וואָלקנס מיט אַן אַנדערער ליבשאַפֿט. אַרויסשלאָגן פֿון וואָרט זײַן גלוט און אידעע, זײַן מאַגיע און זיסן יאָדער. אָפּגעפֿינען אין זיך די געהיימע עלעקסירן און ער וועט שאַפֿן ווי אין אַ פֿאַרפֿאַנצערטער פֿעסטונג. דאָ וועט זײַן פּאַטעטישער

חזיון אויסשפּינען דעם האַרמאָנישן פֿאָדעם פֿאַר זײַן כּישופֿדיק געוועב פֿון רעאַליען און סימבאָליק. דאָס וועט זײַן אַ גיגאַנטישער גראַנגל פֿון פּאָעטס צעפּיבערטן דמיון, וואָס ווייסט נישט פֿון קיין צוימען. אַזעלכע אויפֿטרייסלענדיקע חזיון־האַלוצינאַציעס זענען נאָר צו געפֿינען בײַ די וועלטפּאָעטן ווי: קיטס, רילקע, רעמבאָ, נאָרוויד, באָדלער, ווערלען. ער וועט אַזוי אַרום אויפֿשטעלן פֿאַר זיך און אויך פֿאַר אונדז די געהיימע פֿאַרצוימטע פֿעסטונג פֿון זײַן קרישטאָל־נאַקעט וואָרט, וואָס איז אי ווולקאַניש־רויִק, אי שלווהדיק געצוימט מיט "אַלף־בית פֿון שווײַגן". וואָרעם, וויפֿל אונדזער פּאָעט זאָל נישט וועלן שפּאַלטן זײַנע וואָרטאַטאָמען און נישט זוכן אין זיי אַ באַפֿרײַענדיקן קערן און באַשייד: "דאָס טונקלסטע און קלאָרסטע וואָרט פֿון אַלע ווערטער: אמת" — וועט ער קיין מאָל נישט צוקומען צום דנאָ פֿון אומבאַשיידלעכן: מענטש, צײַט, לעבן, טויט. פֿאַראַן אַן אַבסאָלוטע גרענעץ־ליניע פֿון מענטשלעכן מוח און האַרץ בײַם אויפֿדעקן די סודות פֿון זײַן און נישט־זײַן. אַלע גרויסע פּאָעטישע נצחונות פֿירן אין אַלע צײַטן צו דער אומדורכדרינגלעכער מויער פֿון איראַציאָנאַלן. הינטער דער דאָזיקער מויער ליגט פֿאַרזיגלט דער סוד פֿון אונדזער קומען און אַוועקגיין. און דערפֿאַר זינגט דער פּאָעט:

באַפֿרײַען וויל זיך יעדער קלאַנג פֿון מעש און האָלץ
און סטרונע,
געפֿאַנגען איז דאָס מענטשן־לשון הינטער שווערע שטײַגן.
שוין צײַט זיך אײַנצוהערן און דערזען דורך אַ שפּאַרונע
ווי שטומע שטילקייט לערנט זיך דעם אַלף־בית פֿון שווײַגן.
ז' 9

דרך אַגבֿ: פֿון דאָזיקן "אַלף־בית פֿון שווײַגן" איז שוין נישט ווײַט צו דער בעשט־וועלט פֿון אַ צווייטן גרויסן מנגן: י. י. סיגאַל. אויך ער, גראָד ווי סוצקעווער, האָט געפּרוּווט (אָבער מיט אַנדערע פּאָעטישע כּוחות) צו שפּאַלטן די וואָרטאַטאָמען פֿון זײַנע חזיונות, געזוכט אַ טרייסטנדיקן פּשט, דורך הכנעה און אמונה, פֿאַר זײַנע מענטשלעכע און מעטאַפֿיזישע שפּירונגען אין אַ וועלט פֿון שגעון און פּויזנדיקער מיטלמעסיקייט. גראָד ווי בײַ י. י. סיגאַל שוועבט איבער די איצטיקע סוצקעווער־סטראָפֿן אַ ליכטיקער פּאָעטישער נצחון. זיי זענען סײַ עקסטאַטיש־פֿײַערלעך, מיטן בליאַסק פֿון בליצן, סײַ ביזאַר־טריב, געשלאָגן און צעבראָכן ווי אַ זיפֿץ און הייסע טרער, וואָס ווערן צו אים געשיקט פֿון דער אַלמאַכט. אָט זינגט סוצקעווער:

ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן? בלײַבן וועט אַ ווינט,
בלײַבן וועט די בלינדקייט פֿונעם בלינדן וואָס פֿאַרשווינדט.
בלײַבן וועט אַ סימן פֿונעם ים: אַ שנירל שוים,
בלײַבן וועט אַ וואָלקנדל פֿאַרטשעפּעט אויף אַ בוים.

ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן? בלײַבן וועט אַ טראַף,
בראשיתדיק אַרויסצוגראָזן ווידער זײַן באַשאַף.
בלײַבן וועט אַ פֿידלרויז לכּבֿוד זיך אַליין,
זיבן גראָזן פֿון די גראָזן וועלן זי פֿאַרשטיין.

מער פֿון אַלע שטערן אַזש פֿון צפֿון ביז אַהער,
בלײַבן וועט דער שטערן וואָס ער פֿאַלט אין סאַמע טרער.
שטענדיק וועט אַ טראָפּן ווײַן אויך בלײַבן אין זײַן קרוג.
ווער וועט בלײַבן? גאָט וועט בלײַבן, איז דיר ניט גענוג?
ז׳ 16

דער זאַצבוי אין די אויביקע סטראָפֿעס, די ריטמישע עדגאַר עלען פּאָישע איבערחזרונגען (״ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן?״), דער באַזונדערער ווערטער־זיווג — אַלץ באַקומט בײַ אים אַ מין געאָמעטרישן כּישוף. די פֿאַליענדיקע ים־ליניע פֿון ״אַ שנירל שוים״ ביז צום פּאָעטישן טראַף זוכן ״בראשית־דיק אַרויסצוגראָזן ווידער זײַן באַשאַף״.

אין די לידער פֿון טאָגבוך טרעפֿן מיר אַן אויסערגעוויינטלעכע אימאַזשן, וואָס קומען פֿון ווײַטע שטערן־מרחקים ״פֿון צפֿון ביז אַהער״ און זענען אַ געמיש פֿון פֿײַער און שניי, פֿון שמייכלען און אויך פֿון ביטערן איראָנישן גרימאַס. זיי שאַפֿן עס דעם האַריזאָנט און תּוכן פֿון זײַן נאַרציסטיש לעבנס־געפֿיל. ער בייגט זיך תּמיד אונטער דער משׂא פֿון זעונגען ביז ס׳פֿאַרשווינדט צו מאָל דער דיכטערישער פּשט אין דאָזיקן אורוואַלד פֿון שיינקייט. דאָס אַלץ איז אַן אָרגאַנישער טייל פֿון פּאָעטס אויג און אָטעם. אַלע פֿאַרהוילענע מידבר־פּליינען, פֿון וואַנען ער גראָבט אויס זײַנע זילבן און ווערטער, ווערן אונטער זײַנע פֿינגער צו די שענסטע פֿעלדער פֿון פּאָעטישן בליִעכץ, רייץ און חלום; שניי, שטערן, שטיינער, שמייכלען, שאָטנס און פּנימער רעדן צו אים מיט דער נשמה פֿון ווײַנענ־דיקע פֿידלרויזן. ס׳איז שווער צו געפֿינען אין די יצירות פֿון אונדזערע גרעסטע פּאָעטן נאָך אַזאַ ענלעכן, פֿאַרכּישופֿטן וואָרט־רעזאָנאַנס ווי אין דער דינאַמישער סוצקעווער־וויזיע, הגם זי הענגט עטוריש צווישן חלום און רעאַליטעט. ביידע, סײַ זײַן גליִענדיקער חלום און סײַ די טריבע רעאַליטעט זענען געוועבט פֿון אַזעלכע אומצערײַסלעכע פֿעדעם, פֿון וואָס ס׳איז אויסגעשפּינט דער לעגענדאַר־פֿליִענדיקער כּישוף־דיוואַן.

אַ קאָמפּליצירטע אומגעזעטיקטקייט און אַ שטענדיקער דאָרשט נאָך שיינע פּאָעטישע הימלען פֿירן אים דורך אַלע ייִדישע אומגליק־אָפּגרונטן און אויך איבער דער שווערער דאָליע פֿון אַ ייִדישן פּאָעט, צו דער פֿאַנטאַסמאַגאָריע פֿון חלום און העלזען. סוצקעווער איז דער העלזעערישסטער און דער סאָמנאַמבולישסטער פּאָעט אין דער ייִדישער פּאָעזיע. און אויסטערליש: אין דער דאָזיקער וועלט פֿון פֿאַנטאַסמאַגאָריע ווערט ער אויך תּהלימדיק־געקרוינט מיט אַ טויבן־וואָרקענדיקער, מילדער ליריק, מיט אַזאַ שפּע פֿון איבערנאַטירלעכע שפּירונגען, אַז מיר ווערן אויך אַרייַנגעוועבט אין דער זילבערנער נעץ פֿון זייַן שיינעם חלום און טראַגישער וואָרהאַפֿטיקייט. און דאָס געשעט מחמת דעם הויכן גענוס, וואָס מיר האָבן פֿון זייַן פֿאַנטאַסטיש, אויפֿגעפֿלאַמטן אידעען־פֿייַער. פֿון וואַנען נעמט זיך, שטוינען מיר, צו אַן איין־אייגציק פּאָעטיש האַרץ און גלייַכן מוח אַזאַ אויפֿשוידערנדיקע יצירה־לאַווע, וואָס פֿאַרגיסט אונדז אומאויפֿהערלעך מיט דער קראַפֿט פֿון העלזעערישער האַרמאָניע און מיט דער מאַגיע פֿון אַזאַ ליכטיקער התלהבֿות?

נישט אַנדערש, אַז די דאָזיקע סוצקעווערישע פֿאַנטאַסטיק פֿאַרמאָגט אירע פֿעסטע געזעצן פֿון פּאָעטישער לאָגיק און פֿון אַ קלאָרער באַזיניקטקייט. זיי קומען צום אויסדרוק אין די פּלוצעם־טראַוומאַטישע וואָרט־באַהעפֿטונגען (למשל: פֿידל־רויז, רעגן־ווונדער, גורל־וואָלף, קלאַנגען־פּערל, מאָרגנבוים, מושל פֿון זכּרון — און נאָך און נאָך); אין דער גאַמע־רייַכער מעטאַפֿאָריק, וואָס דערציילן ווי וועגן אַ זעקסטן חוש בייַם אויפֿנעמען די נאַטור־סודות און בייַם אַנטפּלעקן די אומבאַקאַנטע הימלען פֿון אַ נייַער פּאָעטישער וועלט.

אין דער קונסט האָבן בדרך כּלל אַלע ביז־איצטיקע גרויסע צוימברעכערס געעפֿנט פֿאַר אונדז מיט זייער קומען די געהיימע טויערן צו אַ נייַעם שיינקייט־אויסדרוק. אפֿשר דערפֿאַר נעמט זיך אויך די דיקע מויער פֿון איזאָלירטקייט און איינזאַמקייט בייַם פֿאָרויסגאַנג פֿון יעדער גרויסער און זיך באַנייַענדיקער יצירה. אַזאַ קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט לעבט תּמיד אין שטורעם פֿון שאַפֿן און "אַז ער פֿליט אין שטורעם זעט ניט קיינער זייַנע פֿליגל" (ז' 20). מען דאַרף זייַן באַשאָנקען מיט אַ זעקסטן חוש אַרויסצוכּישופֿן פֿון צוויי און צוואַנציק ייִדישע אותיות אַזעלכע פֿאַרכאַפּנדיקע אוצרות פֿון שיינקייט און צו ווערן דער נס־סוצקעווער, לויטן זאָג פֿון יעקבֿ גלאַטשטיין. און ווער ווייסט וויפֿל אַזעלכע שיינקייטפּלאַסטן וואַרטן נאָך אַנטפּלעקט צו ווערן. אָבער שוין זייַן ביז איצטיק פּאָעטישער פֿאַרמעג האָט אין זיך אַן

אויסטערלישן חידוש, אַ ברייטן שטח פֿון איבערערדישע חלומות.

נישט יעדער פּאָעזיע־געניסער איז מסוגל אַזוי גרינג אויפֿצור־נעמען דעם דאָזיקן איינמאָליקן, פּאָעטישן מעדיום. מען דאַרף האָבן די ראַפֿינירטסטע עסטעטישע קונסטשפּירונג כּדי צוצו־קומען צום קאָנצענטראַט פֿון די טאָגבוך־לידער. זעט אויס, אַז בײַ אַבֿרהם סוצקעווערן איז דער פּאָעטישער דמיון די איינציקע רעאַליטעט פֿון אַלטאָג. די באַהעפֿטונג פֿון אות מיט אות — דער שענסטער ליבשאַפֿט־זיווג, די געהיימסטע פּאָע־טישע פֿאַרקנסונג. דאָס זענען זײַנע סובסטאַנציעלע כּוחות און עלעקסירן, וואָס באַוועגן זײַנע אימות, חלומות און פֿריידן, שוין פֿונעם סיבירער קינדהייטשניי אָן, ביז צו די אַרויסגע־שלאָגענע ניגונים פֿון פֿעלדז און שטיינער, פֿאַרשטאַרבענעם מידבר. מען ווערט אויפֿגעטרייסלט פֿון זײַנע אויסטערליש־פּראַקטיקע אימאַזשן, בעת זײַנע סטראָפֿעס ציטערן ווי פֿאַר־וווּנדיקטע וויאָלאָנטשעלן.

אָן וווּנדן בין איך גאָרנישט. קיינער. ווינציקער ווי קיינער.
כ׳וויל בעסער זײַן אַ שלאַכטפֿעלד און אַ סודותדיקע מאַפּע.
ז׳ 22

און אויף דער אַ ״סודותדיקער מאַפּע״ זעט מען שוין באַ־שײַמפּערלעך די ערשטע טריט פֿון ״אַ רואה ואינו ניראה״ און ווו אַ טרער האָט שוואַרצאַפּלען, פֿון וואַנען ס׳פֿאַלט ״דער זויבער פֿון מײַן ערשטן ווינטער״:

באַשערט איז מיר צו זײַן אויף דר׳ערד אַ רואה־ואינו־ניראה,
באַשערט צו זען ווי קורץ און אייביק איז דאָס לעבן. הינטער
אַ וואָלקן, ווייס איך, איז פֿאַראַן אַ קליינע טרער, פֿון אירע
שוואַרצאַפּלען פֿאַלט נאָך אַלץ דער זויבער פֿון מײַן ערשטן
ווינטער.
ז׳ 20

די עקזאַלטירטע פֿאַנטאַזיע פֿאַרשטאַרקט מיט דער נטיה צו פֿילאָסאָפֿישע, אָדער סאַרקאַסטיש־איראָנישע אַקאָרדן, ווייסט נישט, בדרך־כּלל, בײַ סוצקעווערן פֿון קיין צוימען, וואָס זאָלן זי אַראָפּנידערן צו מער ראַציאָנאַליסטישע רעגיאָנען. מען דאַרף שפּאַלטן אַ סך פֿון זײַנע פֿײַן־געשניצטע דמיונישע אימאַזשן, כּדי צוצוקומען צום קלאָרן הימל פֿון דער פּאָעטי־שער אידעע. פֿאַראַן אָבער איצט אַ גאָר נײַער, תּוכיקער שטריך אין די לידער פֿון טאָגבוך, נעמלעך: דער פּאָעט אין אים פֿירט מער נישט זײַן פשרהלאָזע, האַרבע מלחמה מיטן

דורכשניטלעכן און באַשיידענעם וואָרט. ער ראַנגלט זיך נישט מער מיט דער פּשטות. זײַן פּעדער גייט דאָ אין מלחמה פֿאַר אַלץ, וואָס איז אויך לאָגיש־באַזיניקט, שׂכלדיק־אָנגעמבאַר און טראַדיציאָנעל־שיין. ער שאַפֿט אין די טאָגבוך־לידער אַ נײַע סובלימירטע שיינקייט פֿון אַלע זײַנע ביז איצטיקע דערגרייכונגען, וואָס טראָגן אין זיך די פּאָעטישע פֿוריע פֿון זעלישע שטורעמס. אָבער די אַלע זײַנע שטורעמס ווערן דאָ באַגלייט דורך דער האַרמאָניע ווי פֿון אַ גאַלאַקטישער געזעצמאָסיקייט. עס שטייען אויף תּחיית־המתים די טראַדיציאָנעלע־אײַנגעזעסענע ייִדישע ווערטערפֿלאַנצן, וואָס בליִען נאָך אין דער ייִדישער פּאָעזיע מיט דער עשירות פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט און ריינקייט. די טאָגבוך־לידער טרעפֿן מיט אַ יונג, מסורהדיק בלוט, וואָס רינט פֿון זײַן אָנגעגליטער פּעדער. דער פּאָעט באַרויִקט זיך ערשט דעמאָלט ווען ער דערגרייכט אַ נײַעם נצחון אין זײַן תּמיד אָנגעגליטער שאַפֿערישער תּאווה. דוכט זיך, אַז אויך דעמאָלט איז בײַ אים פֿאַראַן דאָס שענסטע געפֿיל, דער פּלאַסטישער אויסדרוק פֿון דער דאָזיקער סך־הכּל־דיקער סובסטאַנץ: זיך אין גאַנצן אָוועקצושענקען, זיך אין גאַנצן אָוועקגעבן דער מאַגיע פֿון פּאָעזיע און איר גרויסער הומאַניסטישער **אידעע.** די דאָזיקע הומאַניסטישע אידעע רעפֿלעקטירט פֿון זײַן גאַנץ ביזאיצטיק שאַפֿן און געפֿינט איר עקספּרעסיע גאָר שטאַרק אין די טאָגבוך־לידער ווי „אַ בענטשנדיקע פֿרייד”, וואָס פֿירט צום בונד מיט אַלע בעלי־יצירה:

פֿאַראַן אַ בענטשנדיקע פֿרייד, זי איז מײַן פֿרייד אין לעבן,
און אויב ס׳וועט עמעץ דרייען מיט אַ וואָנצע — מילא, זאָל ער:
דאָס איז די פֿרייד פֿון געבן, געבן, געבן, זיך צעגעבן,
ווי הונגעריקן לײַוונט עס צעגיט זײַן פֿאַרב אַ מאָלער.

באַשטענדיק זיך צעגעבן, זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ רעגן
צוזאַמען מיטן רעגן־בויגן זײַנעם און דער כּמאָרע.
פֿאַרוואַנדלען זיך אין רעגן און צעשענקען מײַן פֿאַרמעגן,
בײַ איטלעכן זאָל אויפֿגרינען אַ פּיצעלע סאַהאַרע.

צו וואָס באַדאַרף איך אויסטערלישע ווערטער, גראַמען, קלאַנגען,
אַז אויסטאָן וויל אָפּט מײַן הויט און שענקען זי אַ בעטלער?
אָ, גרויסע פֿרייד פֿון געבן, ווי עס גיבן פֿעלדער זאַנגען,
כ׳וויל יעדערן וואָס געבן, חוץ דעם ציניקער און שפּעטלער.

פֿונאַנדערשענקען וויל איך מײַנע סודות און רמזים,
געהיימענישן, טונקלענישן, כּישוף, זאַבאַבאָנעס.

און אויב ס'וועט עמעץ וועלן זיי מגלה זײַן, איך לאָז אים,
אָבי די פֿרייד פֿון געבן, זיך צעגעבן אין מתּנות.
ז' 21

ס'קאָן זיך אפֿשר באַקומען דער אײַנדרוק אַז די סוצקעווער־פּאָעזיע בכלל און די טאָגבוך־לידער בפֿרט זענען ביז אין זייערע וואָרצלען אַ געוועב פֿון בלויז אימאַגינערע דערגרייכונגען און זוכונגען, און מחמת דעם זענען זיי ווײַט פֿון דעם, וואָס מיר רופֿן אָן: דאָס אינטים־וואַרעמע פֿײַער פֿון ליריק און יחדיש־דיכטערישער השתּפּכות־הנפֿש. אָבער אַזוי איז עס נישט. זײַן אויסנעמלעך־וואַרעמע, קלוגע, עלעגישע ליריק פֿליסט שטראָמיק־פֿאַרבאָרגן צווישן זײַנע דער־וועגטע, אימאַגינער־דיכטערישע וואַנדערונגען. מען געפֿינט זי כּמעט אין יעדער סטראָפֿע אין די טאָגבוך־לידער. די דאָזיקע סוצקעווער־ליריק וואָס ווערט דאָ, אַגבֿ, אַזוי בולט דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעהויבן, וואָלט מען געקענט פֿאַרגלײַכן צו יענעם גרויסן פֿאַרבאָרגענעם אײַזבאַרג־טייל, וואָס ליגט נאָך פֿאַר־קאָוועט אין די ים־טיפֿענישן צווישן אַלע פֿינצטערע שטראָמען, אָבער ביסלעכווײַז הייבט שוין אָן וואַרעם צו שמעלצן דער פֿאַרקאָוועטער ריזיקער אײַזבאַרג פֿון זײַנע סודותדיקע תּהו־מען. מיר טעמען מיט אַ פֿרישן פּאָעטישן זויערשטאָף, וואָס באַלעבט אונדזער געמיט און באַרויִקט דאָס האַרץ מיט די שענסטע אויסדרוקן פֿון פּאָעטישער ליריק. אַוודאי ווערן מיר פֿאַרכּלייניעט פֿון אַלע זײַנע שטרענג־איכישע, פּאָעטישע אויסגעפֿינסן, פֿון דער אומגעהײַערדיקער שפּע וויזועלע קאָנסט־רוקציעס. אָבער בײַם מיטגיין, אָדער מיטקלעטערן אָן אָפּרו אויף זײַנע הויך־דערוועגטע פּאָעטישע סערפּענטינען, ווערן מיר לסוף באַלוינט מיטן זיסן שׂכר, וואָס נאָר אַ נײַ־דיכטערישע וועלט איז מסוגל אונדז צו פֿאַרשאַפֿן. אָבער גראָד ווי דער אור־זינען פֿון יעדער פּאָעזיע איז איר אידעיִשע תּוכיקייט — ליגט אויך דאָ איר תּמצית: דער געראַנגל צווישן נאַקעטן מענטשן און דעם שאַפֿערישן מעדיום. איבער אַלץ שוועבט די געהיימע האַנט פֿון גורל. צווישן דער גרויסער פּאָעטישער ברכה און שווערער, ביטערער מענטש־דאָליע הענגט די וואָג פֿון באַשערטקייט. "די צווילינגשאָפֿט פֿון האָניק און פֿון עסיק" — ווי סוצקעווער רופֿט עס אָן, און ווו נאָר די שׂימחה פֿון טרערן, וואָס פֿליסט פֿון זײַן שאַפֿערישקייט, היילט זײַנע ווונדן. דאָס ערשטע מאָל, דוכט מיר, דערלאַנגט דאָ אינעם ליד אַ. סוצקעווער זײַן אויסגעשפּרייטע האַנט צו יעטוועדן שאַפֿערישן, לעבעדיקן מענטש און אויך צו די וואָס זענען מער נישטאָ. ער האָט אָפּגעפֿונען אין דער גרויסער קאָלעקטיווקייט פֿון יצירה אויך דעם זינען און טרייסט פֿון זײַן אייגענער

בדידותדיקער שאַפֿערישקייט — ווי ער איז זיך מתוודה אין דעם אַ וווּנדערלעכן ליד:

דער זעלביקער וואָס האָט געבענטשט, ער האָט מיך אויך
געשאָלטן.
כ׳נעם־אָן פֿאַר ליב די צווילינגשאַפֿט פֿון האָניק און פֿון עסיק.
אַ דאַנק פֿאַר בענטשן מיך מיט פֿריינד. אָן זייער כּוח וואָלטן
ביינאַנד מיט מיר די ווערטער מיינע אויסגעצאַנקט
מעת־לעתיק.

פֿאַר מיינעטוועגן מאָלן זיי און האַמערן און קנעטן,
פֿאַר מיינעטוועגן קײַקלען זיי אַראָפּ פֿון האַרץ פּאָעמעס.
אָ, מיינע איכן זענען זיי, די מאָלער און פּאָעטן,
און זייער איך בין איך, אַפֿילו אַז איך ווייס ניט וועמעס.

פֿאַר זייערטוועגן האָב איך ווען געזונגען אין אַן אָרון,
פֿאַר זייערטוועגן האָלט איך נאָך מלחמה פֿאַר אַ קאָמע.
און שטאַרבן זיי, ערשט יעמאָלט ווערן מיינע פֿריינד געבאָרן
אין גרינער קינדערוויג פֿון מיין צעהוידעטער נשמה.

פֿאַר מיינעטוועגן וואַרעמען זיי אָן די קאַלטע שטערן,
פֿאַר מיינעטוועגן שפּילן זיי: אַ פֿידל צי אַ טשעלאָ
דערלאַנגט פֿון זיך אַ קוואַל אַרויס מיט שימחה מיינע טרערן.
פֿאַר זייערטוועגן שרייב איך די־אָ שורות. אָמן־סלה.

ז׳ 24

צוויי פּראָמינענטע קריטיקער־עסייִסטן יעקבֿ גלאַטשטיין און שלמה ביקל — דער זכות פֿון זייער ליטעראַרישער גנוס? ליכטיק געדעכעניש זאָל אונדז בײַשטיין — האָבן געפּרוּווט אין דער אַנאַליטישער, עסייִסטישער מחשבֿה אַנטפּלעקן פֿאַר אונדז די מיסטעריע פֿון סוצקעווערס פּאָעטיש־כעמישער לאַבאָראַטאָריע. בעת יעקבֿ גלאַטשטיין איז צוגעגאַנגען צום סוצקעווער־מעדיום מיט קאָמאָן־סענס, ראַציאָנאַליסטיש, געשטיצט אויף דער מסורה פֿון יידיש־לשון אויף אַ שטח פֿון 500 יאָר — האָט שלמה ביקל מיטאָלאָגיש־פֿילאָסאָפֿיש געפּרוּווט אויסטײַטשן די זעלבע

סודות פֿון סוצקעווערס יצירה. אין זײַן קאָנצענטרירטן עסיי "50 יאָר סוצקעווער — 500 יאָר ייִדיש" (פֿאַרעפֿנטלעכט אין יובֿל־בוך צום פֿופֿציקסטן געבוירן־טאָג פֿון אַבֿרהם סוצקעווער, ת"א 1963) שרײַבט דער גרויסער עסייִסט־קריטיקער און ליטעראַטור־בר־סמכא יעקבֿ גלאַטשטיין: "סוצקעווערס לידער שטעלן מיט זיך פֿאָר די איבערצײַגנדיקסטע באַווײַזן פֿון אַן אַנטוויקלונג, וואָס האָט ניט קיין גלײַכן צו זיך אין דער געשיכטע פֿון לשונות. מען וואָלט באַדאַרפֿט דורכלייענען אַ גאַנצע ביבליאָטעק פֿון ייִדישער פּאָעזיע, כּדי אונטערצושטרײַכן און אַרויסברענגען דעם טריומף פֿון ייִדיש... מען הערט אין אַ בלעטל סוצקעווער ווי ס'פֿליט אַרויס די גאָלדענע פּאַווע און ווי תּוך כּדי דיבור פֿליט זי דורך אַלע מעטאַמאָרפֿאָזעס פֿון אונדזער לשון... נאָך איידער מען נעמט אויף דעם אײַנהאַלט פֿון סוצקעווערס אַ פֿערז, זינגט מען אים אויס מוזיקאַליש... מען שפּירט אַז דער פּאָעט איז איבערגעגעבן צו אַ גרויסער עבֿודה — ער זינגט פֿאַר אונדז דאָס געזאַנג ייִדיש. סוצקעווער איז דער אַלקענער און אַלמײַסטער פֿון ייִדישן ליד... ס'איז אוממעגלעך צו דערגרייכן וואָס סוצקעווער האָט ווירטואָזיש דערגרייכט... די פּאָעטישע בילדלעכקייט זײַנע איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ גרויסער דערפֿאַרונג... ס'איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ רײַכער לאַבאָראַטאָריע, וואָס האָט דעם פּאָעט געגומען אין דער אַרבעט אַרײַן, נאָך איידער ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם סוד פֿון וואָרט... ער איז פֿון די געציילטע גרויסע ייִדישע פּאָעטן, וואָס דעמאָנסטרירט אויף אַן איבערצײַגנדיקן אופֿן די וווּנדערס פֿון אַנטשטאַנענעם ייִדישן לשון".

און דער קאָנטעמפּלאַטיווער אַנאַליטיקער און ליטעראַטור־אינטערפּרעטאַטאָר שלמה ביקל (אין זײַן עסייען־זאַמלונג וועגן אַבֿרהם סוצקעווער די ברכה פֿון שיינקייט, פֿאַרלאַג המנורה, ת"א, 1969, ז' 34) ציטירט עטלעכע מחשבֿות פֿונעם אַמעריקאַנער ראַלף עמערסאָנס באַרימטן עסיי "וועגן פּאָעט", ווו עס זאָגט זיך: "...די וועלט איז ניט באַמאָלן און באַצירט, נאָר זי איז פֿון סאַמע בראשית שיין; און גאָט איז ניט דער שעפֿער פֿון דער און יענער שיינער זאַך, נאָר די שיינקייט האָט באַשאַפֿן דעם אוניווערס". נאָכן ציטירן די דאָזיקע עמערסאָן־שורות איז שלמה ביקל אויך מוסיף זײַנע אייגענע גאָר טרעפֿלעכע מחשבֿות: "אָט די מיסטישע שיינקייט־קאָנצעפּציע, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פֿון דער קאַבאַליסטישער תּפֿארת, אָבער איז אין דער אמתן נענטער צו דער שיינקייט, וואָס די גריכישע מיטאָלאָגיע האָט זי פֿאַרקערפּערט אין דער אַפּאָלינישער גאָטגעשטאַלט — איז די ערד און דער הימל פֿון סוצקעווערס פּאָעזיע".

בעת דער עסײיִסט־קריטיקער קומט געבן אַ באַשײד און פֿול בילד פֿון דער סוצקעווער־פּערזענלעכקײט — "די ערד און דער הימל פֿון סוצקעווערס פּאָעזיע" — מוז ער אויך זיך אָפּשטעלן נישט בלויז אויפֿן 'הימל', נײַערט אויך אויף דער 'ערד' פֿון דאָזיקן פֿילקאָליריקן בעל־יצירה.

ס'איז שווער חושד צו זײַן אויף אַ רגע דעם שאַפֿערישן מענטשן אין ייִדיש־לשון אין אונדזערע טעג, אַז ער איז אַזוי אומרעאַל און בלויז 'הימל', כּדי נישט צו זען דעם טראַגישן מצבֿ פֿון ייִדיש־יצירה אין דער גאָרער וועלט. אָבער ער ווייסט אויך, אַז גראָד ווי מען קאָן נישט פֿאָרויסזען די גורלות פֿון יחידים, קאָן מען אויך נישט פֿאָרויסזאָגן דעם גורל פֿון שפּראַכן. אין דער געשיכטע פֿון שפּראַכן און קולטורן געשעען אָפֿט איראַציאָנאַלע דערשײַנונגען. ייִדיש־לשון, וואָס האָט במשך פֿון דורות זיך דערהויבן מיט דער פֿינעזיע, עטישער עשירות און לעקסיקאַלע חידושים אין דער יצירה צו אײנעם פֿון די פֿענאָמענאַלסטע אויסדרוקן פֿון ייִדיש־מענטשלעכן פֿאָלקסגײַסט — שטײט איצט אויף אַ פֿאַרנעפּלטן שײדוועג. אָבער דער שר־הלשונות זאָרגט שוין אַז ס'זאָלן אויפֿשטײן יחידים בעלי־יצירה, וואָס באַגײַסטערטע שאַפֿן זײ מיט אַזאַ הײליקער פֿרײד און אימפּעט, גראָד ווי הינטער זײ וואָלטן נאָך געשטאַנען די נישט־פֿאַרשניטענע מיליאָנען ייִדישע מײַלער און הערצער. צו די אַ יחידי־סגולה געהערט אַבֿרהם סוצקעווער מיט זײַנע גרויסע אַמביציעס, חלומות, שלאַכטן און נצחונות, כּדי אויפֿצוהאַלטן דאָס פֿײַער פֿון שאַפֿערישקײט אין ייִדיש־לשון בכלל. ער האָט זיך באַוווּסטזיניק אַראָפּגעלאָזט, אָדער אפֿשר גאָר אויפֿגעהויבן די 'ערד' צום 'הימל' כּדי צו טראָגן די גרויסע לאַסטן פֿון ליטעראַטור־ און קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען. מיר האָבן אין זינען זײַן געבענטשטע מחשבֿה פֿון אויפֿשטעלן און אויפֿהאַלטן אַזאַ צײַטשריפֿט ווי די גאָלדענע קײט באַלד נאָכן חורבן. אין איר האָט ער געפֿונען די האַרמאָנישע אײניקײט — די ערד און דעם הימל — צווישן ליטעראַטור־המשך און זײַן אײגענער פּאָעטישער טוונג. דער דאָזיקער אַקט אַלײן שטעלט אים אַוועק בײַ דער מיזרח־וואַנט פֿון די מסורהדיקע גוטע שומרים און שליחים פֿונעם פֿאַרוווּנדיקטן און טראַגיש פֿאַרקלענערטן ייִדיש־שאַפֿן. ווער ס'איז נישט מיטגעגאַנגען מיטן בראשית פֿון די גאָלדענע קײט עד־היום וועט נישט אויפֿנעמען דעם ריזיקן סכום פֿון גײַסטיקער ענערגיע, וואָס איז דורך אים און זײַנע מיטבויערס אַרײַנגעלײגט געוואָרן אין יעדן רינגעלע פֿון אונדזער ייִחוסדיקער גאָלדענער קײט פֿון ייִדיש־יצירה.

שרײַבנדיק איצטער װעגן זײַן בוך לידער פֿון טאָגבוך איז כּדאַי אויף אַ רגע אויך זיך אָפּצושטעלן אויף אַ גאָר נײַעם אַקאָרד צווישן די שורות. מען הערט אַרויס פֿון די פֿערזן אַ שטילן ווידוי־ניגון, די ערשטע סימנים פֿון אַ מענטשלעכן חשבון־הנפֿש. אַזוינס, וואָס איז נישט געווען צו געפֿינען אין זײַנע ביז איצט דערשינענע ווערק. דער פּאָעט אין אים ווייסט, אַז דער גרעסטער סוד, די אייביק־פֿליסנדיקע, אַכזריותדיק־ממשותדיקע און דאָך אַזוי עטערישע צײַט, וועט אויך נישט שוינען אין אים די כּוחות פֿון זײַן כּישופֿדיקן שאַפֿערישן גוטן מלאך. עס ווערט בולטער אין אים די נסיונותפֿולע, טרויעריקע חכמה פֿון עלטערן זיך, די עלעגיע פֿון דער פּאָעטישער שורה, וואָס גלייבט אָבער אין אַ האַנט, וואָס וועט אַ מאָל איבערנעמען די ירושה, „יעדער ס'פֿאַלט די איצטיקייט פֿונאַנדער". קאָן זײַן אַז אפֿשר דערפֿאַר האָט דער פּאָעט זײַנע טאָגבוך־לידער נישט באַטיטלט מיט קיין באַזונדערע ,קעפּלעך', נײַערט אָוועקגעשטעלט די צײַט פֿון זייער אַנטשטיין: די יאָרן 1974, 1975, 1976. די יאָרן פֿאַר־פֿליסן תּמיד גיכער ווי די איינצלנע מעת־לעתן — בעת די זיקנה פֿלאַטערט מיט רײַפֿקייט צווישן איין ליד און צווייטן. פֿאַראַן דיכטערס, וואָס באַגלייטן זייערע לידער ווי מיט מײַל־שטיינער — מיטן גענויעם טאָג און חודש פֿון זייער אַנטשטיין. סוצקעווער שפּרײַזט שוין אַריבער יעטוועדע טעגלעכע צײַט־דימענסיע. פֿאַר זײַן צײַטבאַגריף איז פֿאַראַן בלויז דער יאָרן־אויסמעסט, ווען מ'זעט שוין דאָס גיכע פֿונאַנדערפֿאַלן פֿון דער איצטיקייט. און וואָס אַזוינס איז זײַן תּפֿילה?

מײַן איינציקער פֿאַרלאַנג איז צו דעם איינציקן: התגלות
פֿון מאָרגן. מאָרגן. יעדער ס'פֿאַלט די איצטיקייט פֿונאַנדער.

און אַז ער וועט מיך זאַלבן אין זײַן גנאָד מיט זײַנע טויען,
ד'ערקענען וועל איך שוין דעם פֿרילינג וועדליק ערשטן בלימל.
נאָר קיינעם וועל איך שפּעטער מײַן דערזעונג ניט פֿאַרטרויען,
אַחוץ אַ הויפֿן ערד, אַ הויפֿן הימל.

ז' 28

ביז ער קומט לסוף צו די גזר־דין־שורות מיט דער איינציקער טרייסט אַז ס'וועט אים ירשנען די גוטע האַנט פֿונעם גורל:

און אַז דו וועסט זיך אָפּרײַסן פֿון צווײַג, אַהינטער נעפּל,
מיט זאַפֿט און צײַט און יוירנדיקע שטראַלן שווער געלאָדן,
דערמאָן זיך ווי דעם זומער ציט אַראָפּ אַ שווערער עפּל
און אַז בײַם פֿאַלן ירשנט אים אַ דלאָניע פֿונעם באָדן.

ז' 27

גראָד ווי אין זײַנע פֿריִער־דערשינענע לידערביכער — און בעיקר אין זײַן אומפֿאַרגלײַכיק ווערק גהיימשטאָט — באַגעגענען מיר אויך אין די לידער פֿון טאָגבוך אַ מאַכטיקן שווידער־אויסדרוק פֿונעם לעצטן ייִדן־חורבן. דער פּאָעט טראָגט נאָך אַלץ אין זיך דעם פֿאַרווונדיקטן און וואַכיקן זכּרון מיט אַן אומפֿאַרלאָשן פֿײַער, ווו עס ברענט תּמיד זײַן שולדגעפֿיל און הילפֿלאָזיקייט. אין די פֿינצטערע קאַמערן פֿון פּאָעטס חרובֿער וועלט גליט נאָך אַלץ דער שײַטער־הויפֿן און די רויטע עקדה־בראַנדן פֿון אַלץ וואָס איז געווען אַזוי אומ־פֿאַרבײַטלעך־ייִדיש, גרויס און שיין. דער גרויל פֿון יענע שווערע ייִדישע גורלות קומט צו אים צוריק אין דער פּערזאָ־ניפֿיקאַציע פֿונעם הייליקסטן שאָטן: אין דער הילפֿלאָזער געשטאַלט פֿון זײַן מאַמען, וואָס איז אויך אונדזער אַלעמענס מאַמע:

גענפֿאַנגען אַלץ אין דײַן זכּרון, קאָנסטו אויך ניט פֿרײַ זײַן,
דער שײַטער־הויפֿן טליִעט נאָך און ס'פֿרירט אים ניט
קיין אײַז אײַן.
צעשפּאָלטן איז מײַן שאַרבן ווי אַ טאָפּ צי ווי אַ טעלער
און כ'ווייס: דער מערדער זשליאָקעט ביר אין
אַלט־באַקאַנטן קעלער.

— —

דו האָסט געטאָן אַ נדר און דעם נדר ניט געהאַלטן,
אַן עדות איז דאָס וואָרט נקמה. האָסט אים ניט געהאַלטן.
כ'וועל תּפֿילה טאָן צום רעגן ער זאָל אָפּשווענקען די פּליאַמע,
ד'ערמאָנסטו זיך דאָס קול? איך בין געווען און בין דײַן מאַמע.
ז' 29

ב

לאַנגע תּקופֿות גייט אָן אין דער קונסט־געשיכטע דער וויכּוח וועגן דער רעטעניש פֿון קינסטלערישער שיינקייט און אירע סודות. שוין אין אַלטערטום האָבן זיך די צוויי גרויסע אַריסטאָ און פּלאַטאָ פֿאַרנומען, אין דער קונסט־פֿילאָסאָפֿיע, מיטן דערגרונטעווען די באַגריפֿן: שלמות און אידעאַלן אין דער פּאָעטיק. זיי האָבן געגלייבט אין דער געטלעכער אײַנגע־

בוירנקייט פֿון שיינקייט אינעם מענטשן, אין דער שלמות פֿון פּאָעטישן וואָרט, וואָס ווײַזט זיך אין דער אַנטפּלעקונג פֿון פֿאָרעם און אידעע. אויך אין די שפּעטערדיקע דורות האָט די דאָזיקע לערע געדינט פֿאַר אַלע קונסטפֿאָרשערס ווי אַ יסוד צו דעשיפֿרירן די עסטעטישע עסענץ און די שאַפֿערישע נאַטור פֿונעם מענטשן. דער הימל פֿון פּאָעזיע האָט תּמיד זײַנע אומבאַקאַנטע גאַלאַקטישע געזעצן, וואָס גיבן אונדז אין יעדער תּקופֿה בלויז אַ דינעם שטערנשטראַל פֿון זײַנע אָן־סופֿיקע מרחקים. און אפֿשר דערפֿאַר האָט די ערד פֿון פּאָעזיע נישט קיין באַשטימטע גרענעצן. פֿון צײַט צו צײַט באַווײַזט זיך אויפֿן גאַלאַקטישן פֿירמאַמענט אַ נײַ שטערנליכט, וואָס לײַכט אונדז מיט אַן אומבאַקאַנט ליכט פֿון דער פֿינצ־טערניש. דער גרויסער פּאָעט לײַכט תּמיד לכתּחילה בלויז פֿאַר זיך אַליין, אָדער פֿאַר אַ קליין הײַפֿל מענטשן, וואָס זענען מסוגל אומצוואוואַרפֿן די שוין־פֿאַראַנענע גרענעצן בעתן שאַפֿן נײַע באַגריפֿן פֿון שיינקייט. דער טונקעלער האָריזאָנט פֿון פּאָעטישן הימל, דער שם־המפֿורש פֿון פֿולן פּאָעטישן נצחון, ליגט נאָך אַלץ פֿאַרדעקט מיט נאַכט און נעפּל. בלויז די פּאָעטישע אימאַגינאַציע קאָן אונדז אַרויספֿירן פֿון די דאָזיקע הימלדיקע סודות, כּדי מיט זיי צו באַפֿרוכפּערן די ערד. אויך אונדזער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער באַגלייט אַ האַלב־מיסטישע אימאַגינאַציע דורך די לאַבירינטן פֿון שיינקייט און אין די זוכענישן נאָך אַ נײַעם הומאַנישן שלמותדיקן וואָרטאויסדרוק:

זײַ הינקעדיק נאָר לאָז ניט אָפּ די ליניע פֿון דער שלמות,
דײַן לייטער וועט ניט אײַנפֿאַלן פֿון ערדישן געציטער.
ניטאָ קיין שטערן אין דער נאַכט, נאָר ברענענדיקע שמות,
ניטאָ קיין צווייטער, ביסט אַליין דער צווייטער
און דער דריטער.
ז׳ 49

אָט "די ליניע פֿון דער שלמות" און "ניטאָ קיין צווייטער, ביסט אַליין דער צווייטער און דער דריטער" קומען אין זײַנע פֿערזן אונדז צו פֿאַרהיימישן דעם פּאָעטס גורל אין זײַן איינ־זאַמער, טראַגישער וויזיע, אַפֿילו ווען זי איז אַזוי מענטשלעך, אַזוי „הינקעדיק". דאָס אויסטערלישסטע פֿון יעטוועדער גרויסער פּאָעזיע איז דער פֿאַקט, וואָס זי נערט זיך פֿון איר אייגענעם אויסגעגראָבענעם לעבנסקוואַל. זי האָט נישט קיין שום שײַכותן מיט אַלע שוין רוישנדיקע און באַרוישנדיקע אונטערערדישע קוואַלן. די סצענאַריע פֿון דורות פּאָעטן איז נישט פֿאַר אַזאַ נײַער פּאָעטיק קיין מוסטער, אָדער עפּיגאָניש בת־קול. דער איינמאָליקער כּוח פֿון ערשטמאָליקער פּאָעטי־

שער אימאַגינאַציע נעגירט לחלוטין אַלע פֿאַראַנענע עסטעטיש־קינסטלערישע קאַטעגאָריעס. דאָ שטייען מיר מיטן ווונדערלעכן בראשית פֿון אָדם־פּאָעטס ערשטן געראַנגל, וואָס איז נישט צו פֿאַרטײַטשן און נישט צו אַנאַליזירן. מיר נעמען זיי אויף ווי געבאָטן געגעבענע פֿון אומבאַקאַנטע הימלען, ווו ס'הערשט „אַ קאָסמישע הערא͏ָיק"; ווען מיר לייענען בלויז צוויי סטראָפֿעס פֿון זײַן ווונדערלעך ליד (1976, ז' 70) דערפֿילן מיר תּיכּף דעם פּאָעטישן אמת בעת „עס ווײַנט מיט נײַע בילדער דאָס אויג פֿון דער נשמה".

מיר זענען שוין אומדאַיִק בײַנאַנד אַ שאָק מיט שווײַגן,
אַ קאָסמישע הערא͏ָיק דערלאָזט ניט אונדזער אומקום.
דאָס ערדישע, דאָס וואָרע איז ערדיש־וואָר און גילטיק
און מער איז ניט קיין שׂררה דער טויט אויף אונדזער אָטעם.

זײַן קיניגרײַך דערלאַנגט ניט צום גרינעם בוים פֿון לעבן,
ס'פֿאַרגאַנגענע פֿאַרגאַנגט ניט, קוים צײַט איז נאָך אומצײַטיק.
אַנטרונען פֿון געפּילדער איז ליבשאַפֿט אונדזער שווײַגן,
עס ווײַנט מיט נײַע בילדער דאָס אויג פֿון דער נשמה.
ז' 70

ס'איז שווער אויסצומײַדן דעם טרויעריקן רעיון, אַז די סוצקעווער־פּאָעזיע (ס'רעדט זיך דאָ נישט בלויז בעיקר וועגן בוך לידער פֿון טאָגבוך) געהערט צו דעם מין פֿון יצירה, מחמת איר קאָנצענטראַט און מחמת איר ראַפֿינירטער עסענץ, וואָס קאָן אַזוי לײַכט ניט ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פֿון אַ ברייטערער לייענער־באַגײַסטערונג. מיר זאָגן עס מיט אַ געפֿיל פֿון טרויער, וואָרעם מיר פֿאַרמאָגן נישט, צו אונדזער גרויסן צער, דעם לייענער־נאָכוווקס פֿאַר אַזאַ עשירותדיקער גרויסער גאַמע פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע. און, הגם מען קאָן נישט פֿאַרגלײַכן איין פּאָעט מיטן צווייטן, קומט דאָך איצט אויפֿן זינען דער נאָמען: איציק מאַנגער. בײַ אים איז דער קוואַל פֿון פּאָעזיע אַן אָפֿענער, נישט פֿאַרשאָטנט, פֿאָלקיש, עלעגיש, באַלאַדיש־ערדיש־נאָענט, מיטן טרויעריקן חן פֿון דיכטערישער פּשטות. מאַנגער שפּאַלט נישט קיין וואָרט־אַטאָמען. ער שפּאַלט גיכער אונדזער האַרץ מיטן חן פֿון דער ווײַנענדיקער פֿאָלקס־נשמה. גאָר אַנדערש איז סוצקעווער. זײַן קוואַל ליגט אין די טיפֿענישן. זײַנע פּאָעטישע כּוחות, דער פֿײַערדיקער אויסדרוק, די כּישוף־וויבראַציע פֿון די וואָרטאַטאָמען, דער גלײַיִקער מחשבֿה־שטראָם, דאָס געזאַנג פֿון ליבשאַפֿט־ריטעם און דער כּישוף צו קענען געשטאַלטיקן די

פּאָעטישע וויזיע צווישן די גראַניט־שורות פֿון יסורים, חלום און תּפֿילות — דאָס אַלץ שאַפֿט גאָר נײַע פּאָעטישע וועלטן. דאָ האָבן מיר די התגלות פֿון אייגנמאָליקייט, וואָס גייט טייל מאָל אַריבער אונדזער ראַציאָנאַלע אויפֿנעמבאַרקייט, אויב פּאָעזיע דאַרף בכלל זײַן ראַציאָנאַל און זעליש־לײַכט אָבסאָרבירט צו ווערן. אַבֿרהם סוצקעווער איז אַ טראַגישע געשטאַלט אין זײַן פּאָעטישן שאַפֿן. די לידער פֿון טאָגבוך זינגען וועגן אַ טראַגיק, אָבער איינציַיטיק אויך וועגן דעם עטערישן נצחון פֿון זײַן פּאָעטישן וואָרט.

די טראַגיק ליגט אין זײַן פּאָעטישער שליחות, וואָס איז נישט פֿרײַ פֿון ביטערער בדידות אין זײַן אייגנמאָליקער פּאָעטישער דערגרייכונג. ער קאָן נישט האָבן די האָפֿענונג אויף נאָכגייערס, ער איז אַ הערמעטיש־פֿאַרשלאָסענע פּאָ־עטישע וועלט, ווו עס הערשן נאָר די צו אים פֿאַרטרויטע געזעצן פֿון פֿערז־גראַוויטאַציע און בילד־וויבראַציע. מיר ווייסן, אַז אין אַלע צײַטן זוכט די פּאָעזיע אירע יורשים אינעם פֿאָלק, וואָס זאָל זי ווײַטער טראָגן מסורהדיק דורך דורות אין איר נאַציאָנאַלער באַשערטקייט. ס'איז שווער צו זאָגן צי סוצקעווערס טראַנסצענדענטאַל ליד וועט געפֿינען יורשים, וואָס האָבן ביז איצט געזוכט אין דער דיכטונג דעם אויסדרוק פֿון פֿאַרנונפֿט און וואָס שפּרײַזט נישט אַריבער די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע אין איר רעאַליטעט. ס'איז אפֿשר ריכטיק די השערה, אַז אמתע פּאָעזיע הייבט זיך אָן דאָרט, ווו ס'ענ־דיקט זיך די רעאַליטעט. ס'קאָן בלויז זײַן אַ טרייסט — אויב אַזאַ פּאָעט ווי סוצקעווער קאָן אַ מאָל געטרייסט ווערן — אַז דער איינזאַמער הויך־באַרגיקער קוואַל, וואָס קומט פֿון אונ־טער הימלדיקע פֿעלדזן, זאָרגט זיך לחלוטין נישט מען זאָל פֿון אים טרינקען אונטן. ער פֿליסט און רײַסט אַדורך די פֿינצטערנישן, געשטויסן פֿון קאָסמישע כּוחות און וווּנדערס, מיט וואָס ס'איז איבערפֿול די נאַטור. צווישן סודותפֿולן קאָסמאָס און דעם גרויסן פּאָעט איז תּמיד פֿאַראַן אַ נאָענט־שאַפֿט, אַ בריק, וואָס פֿאַרבינדט זיי. פֿון אויבן פֿלאַמט אַראָפּ דאָס מעטאַפֿיזישע פֿײַער פֿאַרן שאַפֿערישן מעדיום, בעת אונטן, אין די טאָלן, וואַרטן די נידעריקע גראָזן אויף אַ טראָפּן טל פֿון אַ מער ראַציאָנאַלער פּאָעטישער מחשבֿה. סוצקעווערס לידער ווילן מעטאַמאָרפֿאָזירן אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום:

— — אומפֿאַרבײַטלעך, איינציק איז מײַן שליחות:
פֿאַרוואַנדלען די פֿאַרוואַנדלונגען אין זייער ערשטן מקור,
פֿאַרוואַנדלען זיך אַליין אין פּראָטאָפּלאַזם פֿון מײַן חלום.

פֿאַרוואָנדלען וועל איך גרודעס ליים אין זייער מענטשלעך
פּנים,
פֿאַרוואַנדלען איידלשטיינער אין אַ לעבעדיקן גאָלדשמיד.
און סודות אָפּגעזונדערטע און מײַלן־ווײַט פֿון ווערטער,
פֿאַרוואַנדלען וועל איך אין אַ שטראָלונג ביזן דנאָ פֿון טרערן.
ז׳ 65

צווישן דאָזיקן "דנאָ פֿון טרערן" און "פּראָטאָפּלאַזם פֿון חלום" באַוועגט זיך דער הויפּטאַקס פֿון סוצקעווערס טאָגבוך־לידער. און אפֿשר נישט בלויז אין די אָ לידער. ער וועט זיך ביסלעכ־ווײַז דערווײַטערן אין זײַן געזאַנג פֿון דער דרויסנדיקער וועלט. און אויב ס׳איז אין אים פֿאַראַן די מאַכט צו „פֿאַר־וואַנדלען די פֿאַרוואַנדלונגען" דורך דער פּאָעזיע — איז אויך מער נישט פֿאַראַן פֿאַרן פּאָעט נישט דער טויט און נישט דאָס פֿאַרגיין. אַלץ לעבט אייביק אין דער מעטאַמאָרפֿאָזע. אויך אין דער ווידווידיקער תּפֿילה —

— — תּפֿילה טו איך צו דער טויטער שעה, בײַם גדר
פֿון זונפֿאַרגאַנג: מאַך לעבעדיק אין מיר דעם שניי, דעם רעגן.

— —

אָ שליסל בין איך איצטער צו מײַן וועלט און זוך בחינם
איר שלאָס אין דרויסן. איך־בין־איך וואָס מער די שעה
איז טויטער.
און איטלעכע געשעעניש אויף דר׳ערד, אין דר׳ערד און אינעם
באַשערטן וואָלקן, לײַטערט זיך אין האַרצן ליב און לויטער.
ז׳ 66

אָט איז דער שליסל צו סוצקעווערס מעטאַמאָרפֿאָזע. דאָס איז אויך דער שמייכלענדיקער הימל אין זײַן פּאָעטישער פֿרייד, אויך דער תּהום, דער געראַנגל — בעת ער שפּאַנט אין שלי־חות פֿון זײַן עקשנותדיקער, איבערצײַטיקער פּאָעטישער שאַ־פֿערישקייט.

בײַם פּרוּוון געבן אַן אַנאַליז פֿון די פּאָעטישע דערגרייכונגען פֿון אַבֿרהם סוצקעווער, דאַרף מען פֿונאַנדערשיידן צוויי באַגריפֿן: נײַקייט און אָריגינאַליטעט. נישט איין קריטיקער, פֿון אונדזערע בעסטע, האָט זיך אָפּגעשטעלט און פֿאַרגאַפֿט געוואָרן פֿון זײַנע דערוועגטע, נײַע אימאַזשן, פֿון דעם דינסטן שפּראַך־אויסגעפֿינס, פֿון גאָר אָריגינעלע גראַם־באַהעפֿטונגען און פֿון דער מוזיקאַלישער האַרמאָניע אין זײַנע פֿערזן. אמת, דאָס נײַע האָט תּמיד אין זיך אַ לײַכטן שמץ פֿון אָריגינאַליטעט, אָבער דאָס נײַע איז קיין מאָל נישט בלויז עסענציעל־אָריגינעל און פֿאַרמאָגט נישט, כ׳וואָלט עס אָנגערופֿן, די איינמאָליקע, פּאָעטישקינסטלערישע בתולהשאַפֿט. וואָרעם דאָס נײַע טראָגט אין זיך אויך דאָס ליכט און די וואָרצלען פֿון מסורה. זײַנע יסודות זענען ס׳רובֿ די דעראָבערטע שוין פֿאַר אים פּאָעטישע הייכן פֿון אַנדערע בעלי־יצירה, בעת דער מקורותדיקער פּאָעט, דער אָריגינאַל — רײַסט איבער מיטן נוסח, מיטן ווי אַזוי, וואָס איז ביז אים געשאַפֿן געוואָרן. ער ראַנגלט זיך טאַקע מיט די זעלביקע צוויי און צוואַנציק אותיות, אָבער וואָסערע לעקסיקאַלע דאַמבעס צעשמעטערט ער, וואָסערע מאַגיק פֿון פֿרעמדע פּאָעטישע כּוחות פֿירט זײַן באַוווסטזײַן, אָדער גאָר אפֿשר זײַן שאַפֿערישער אונטערבאַוווסטזײַן. (מאַנגער איז געווען נײַ אין דער דיכטונג, געשטיצט אויפֿן פֿאָלקסטימלעכן שורש, בעת סוצקעווער איז דורכויס מקורותדיקייט). ער צעמענטירט אַ גאָר נײַעם סדר, כּדי די זעלביקע אותיות אַזוי צו באַפֿרוכפּערן, אַז מיר זאָלן אַפֿילו הערן די דינסטע מוזיקאַלישע אינטערוואַלן צווישן איין סטראָפֿע און דער צווייטער. מ׳לייענט זײַנע שורות ווי ער׳שט־געבוירענע תּנכישע פּסוקים. זייער ריטעם און אָפּהילך איז ווי פֿון נײַ־אויפֿגעטויכטע הימלישע ספֿירות, וואָס צערײַסן דעם כאָאָס, פֿאַרטרײַבן די פֿינצטערניש פֿאַר דער געבורט פֿון אַ גאָר נײַער פּאָעטישער וועלט.

וויפֿל מיר זאָלן נישט וועלן זוכן שפּורן, וואָס זאָלן אונדז פֿירן צום מאָדעל און נוסח פֿון פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער, בלײַבט מען הילפֿלאָז. מען געפֿינט נישט קיין שום פֿאָדעם, וואָס זאָל אונדז פֿירן צו אונדזערע בעסטע און גרעסטע פּאָעטן פֿאַר די לעצטע הונדערט יאָר. און מיר האָבן דאָך

געהאַט באמת גרויסע, אָריגינעלע מײַסטערס פֿון פֿערז און פֿון דיכטערישער גלאָריע. דאָס איז אפֿשר דערפֿאַר וואָס דאָס סוצקעווער־ליד איז אַ לויטערע נאַטור־דערשײַנונג, גראָד ווי אין דער מאָלערײַ עס זענען שאַגאַל, אָדער פּיקאַסאָ. דער געשמידטער און געפּאַנגענער פּאָעטישער פּראָמעטעוס האָט זיך אָפּגעריסן פֿונעם הויכן פֿעלדז, כּדי אויף ס׳נײַ צו טראָגן מיט זיך אין די תּהומות זײַן מענטשלעכן און סודותפֿולן גורל. אָבער די קייטן פֿון די הויכקייטן האָט ער מיטגענומען מיט זיך. זיי וועלן אים האַלטן אין געפֿענקעניש פֿון זײַן באַ־צויבערנדיקער, פּאָעטישער פּראַכט. די צוויי און צוואַנציק אותיות גייען "בײַנאַנד מיט ליכט און שאָטן און קאָלירן פֿון שגעון" (ז׳ 73). פֿאַרן פּאָעט לעבט דער איינציקער בורא־עולם, וואָס האָט:

באַשאַפֿן לעבן און באַשאַפֿן טויט אויף לאַנגע יאָרן,
מיר זאָלן בלויז אַן איינציק מאָל פֿאַרזוכן זײַנע קרײַטעכצער.
באַשאַפֿן קלאַנגען־פּערל אין דער מושל פֿון זכּרון
און וואָלקנדלעך מיט זייערע פֿאַרוואַנדלונגען
און בײַטעכצער.
ז׳ 73

צי זענען די טאָגבוך־לידער אַ מקורותדיקער אויסדרוק פֿון דער מאָדערניסטישער ליריק? צי זענען זיי מבֿשׂר דעם אָנהייב אויף פֿון אַ נײַער עפּאָכע אין דער יידישער פּאָעזיע, גראָד ווי זי איז שוין קענטיק אין דער העברעיִשער פּאָעזיע און אין דער אייראָפּעיִשער דיכטונג בכּלל? וואָס איז דאָס חידושדיקסטע פֿונעם סוצקעווער־ליד אַנטקעגן דעם געזאַנג פֿון אונדזערע גרויסע פּאָעטן? צי לאָזט זיך שוין קוואַליפֿי־צירן, און נישט בלויז אויפֿן סמך פֿון די טאָגבוך־לידער, דער מעדיום סוצקעווער?

ס׳איז תּמיד שווער אויפֿצונעמען די עקסטרעם־מקורותדיקע איבערבויערס אויף יעדן געביט פֿון מענטשלעכער יצירה, בפֿרט אין דער ליטעראַטור. דער גיגאַנט איז תּמיד פֿרעמד דעם כּלל. הונדערטער עדות וועגן דעם איז צו געפֿינען נישט בלויז אין דער יצירה פֿון קינסטלערישן וואָרט. אָפֿט פֿאַרגייען דורות ביז די נײַע שאַפֿערישע וועלט ווערט פֿאַר־היימישט אינעם פֿאָלק. אָבער די יידישע ליטעראַטור האָט איר ספּעציפֿישע טראַגיק נאָכן גרויסן חורבן. דעריבער איז אַזוי גרויזאַם־איינזאַם דער מקורותדיקער, גרויסער בעל־יצירה. ווען מען נעמט, למשל, אַזעלכע סטראָפֿעס פֿון סוצקע־ווערס אַ ליד, וואָס הייבט זיך אָן „אין הייל פֿון אליהו...״

(ז׳ 76) דערפּילט מען תּיכּף דאָס אויסנאַמלעכע איינזאַמע פּײַער פון די שורות:

אין הייל פון אליהו, אירע דערנערדיקע שפּאַלטן,
באַהאַלטן האָב איך זיך פון זיך, פון חלום זיך באַהאַלטן.
געלאָזן פאַר דער וויסטעניש אַ קרבן און אַ שטײַער:
די גלידער מײַנע, אָנגעסיליעט אויף אַ שנירל פּײַער.

אין הייל פון אליהו, אויך די יאָרן דאַרף איך מער ניט,
געלאָזן זיי אין וויסטעניש פון צײַט ווו איך געהער ניט.
פאַראַן אַ צײַט מחוץ דער צײַט, אַן אייביקער באַגינען,
אין הייל פון אליהו וועל איך אפשר זי געפינען.

— —

און אַז איך וועל ווער אָנאָטעמדיק אין מײַנע דלד־אַמות,
דערקײַקלט זיך אין הייל אַ טרער, אַ קליינע טרער
דער מאַמעס
און מאָנט בײַ אליהון, אַז דאָס ייִנגל, דער מיזיניק,
מוז לעבן, לעבן און געזאַלבט נאָך ווערן פאַר אַ קיניג.
ז׳ 76

דאָ, ״אין וויסטעניש פון צײַט״, קומט צו אים דער ״אייביקער באַגינען״ ביז עס קומט ״אַ קליינע טרער דער מאַמעס״, וואָס מאָנט בײַם נביא, אַז איר זון מוז ״...געזאַלבט נאָך ווערן פאַר אַ קיניג״. צי איז דאָס דעם פּאָעטס נאַרציסטיש, קיניגלעכער חלום, וואָס וויל דעראָבערן אונדזערע נשמות? צי איז דאָס אפשר דער קייטן־אָפּהילך פון דער באַרגיקער איינזאַמקייט, בעת ער האָט אין די הייכן געשפּינט דעם חלום פון באַפרײַונג און פון גײַסטיקע נצחונות? דער מקורותדיקער שאַפער נעמט נישט אויף אַזוי גוטווילליק די פאַראַנענע קינסטלערישע עשׂרת הדברות. שעקספּיר, קאַפקאַ, רילקע, ווערלען, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, עגנון, ביאַליק, זענען געווען געבענטשט מיט דער ברכה פון גרויסע בעלי־יצירה, וועמעס שאַפערישער גילגול נעמט זײַן אָנהייב אין די מעטאַפיזישע היילן פון דער מענטשלעכער נאַטור. צו דעם, צו וואָס ס׳האָט נישט געקענט דערגיין ביז איצט דער ראַציאָנאַליזם, פּרווט איצט אין די שפּעטע זיבעציקער פון אונדזער יאָרהונדערט, פאַרענטפערן סוררעאַליסטיש דער פּאָעטישער מעדיום מיט די זיגזאַגן פון אונדזער מענטשלעכן גורל אין אוניווערסאַלן היקף. צו די אָ געהיימע התגלותן און כּוחות קומען־אָן בלויז יחידי־סגולה. מיר דוכט, אַז אַבֿרהם סוצקעווערס ליד איז דערווײַל דער ערשטער פּרווו צו לייגן דעם יסוד פון אַ גאָר נײַער, באַ־פרײַטער, זיגערישער ליריק אין ייִדיש־לשון. און אפשר נישט

בלויז אין ייִדיש. אפֿשר איז דאָס וואָרט ׳ליריק׳ דאָ נישט געװוּג אַדעקוואַט פֿאַרן סוצקעווער־ליד בכלל. אָבער מען מוז מודה זײַן, אַז זײַן ליד איז אַ ריין־חידושדיקער אויסדרוק פֿון אַ טיפֿן, אומבאַקאַנטן און ביז איצט נישט־אַנטפּלעקטן פּאָעטישן ווולקאַן. פֿון דאָזיקן ווולקאַן שטאַמט זײַן פֿון לאַווע אָנגעגליטע פּען, וואָס פֿאַרגליווערט און קריצט־אויס פֿונעם ווערטערלייים די ציגל פֿאַר אַ גאָר מקורותדיקן ייִדיש־לירישן געבײַ.

דאָס רובֿ בעלי־יצירה זענען, בדרך כּלל, בעתן שאַפֿן געװענדט מיט זייער פּנים צום באַקאַנטן, אָדער אומבאַקאַנטן קונסטגענױסער. זייער באַגײַסטערונג און זייערע כּוחות ווערן געשטאַרקט דורך די וואַרעמע, ווײַטע בליקן און רעאַגירונגען וואָס קומען פֿון דרויסן, פֿון ווײַטע מרחקים. די טראַגעדיע פֿון איצטיקן דור ייִדיש־שאַפֿערס, באַשטייט אויך טיילווײַז אין דעם, וואָס ס׳איז פֿאַרשניטן און כּמעט ווי פֿאַרשוווּנדן געוואָרן די אַ דרויסנדיקע אוידיטאָריע פֿון ליטעראַטור־ און שײנקייט־אָפּנעמערס. און היות ווי סוצקעווער האָט קיין מאָל נישט געהערט צו די פּאָעטן, וואָס האָבן פֿאַר זיך בעתן שאַפֿן די געשטאַלט פֿון אַזאַ אוידיטאָריע — (ער איז גיכער אַ פּאָעט פֿאַר פּאָעטן) — איז אים גרינגער צו זינגען אין זײַן פּאָעטישער בדידות. ער איז אַסקעטיש־שפּאָרזאַם מיטן וואָרט און זײַן דיכטונג פֿאַרלאַנגט אַ ספּעציעל־קאָמפּליצירטן שליסל. ער בויט זײַן זיבן־מויעריקע פֿעסטונג פֿון יצירה ביחידות, אָפּגעטיילט פֿון יעטוועדער אינפֿלוענץ פֿון דרויסן. אָן עכאָ הילכט אָפּ אונטער די קופּאָלן פֿון דער דאָזיקער פֿעסטונג בלויז אין אים גופֿא מיט ליכטיקע און אויך פֿינצטערע שטורעמס. זיי וויברירן דאָ מיט גנאָד און צער פֿון אַ פֿאַרפֿײַניקטער, ייִדיש־זינגענדיקער נשמה. ס׳איז שווער צו זאָגן, צי דער פּאָעט סוצקעווער האָט דאָס געפֿיל פֿון שאַפֿערישער גליקזעליקייט, גראָד ווי ס׳האָבן עס אַ סך בעלי־יצירה, אַפּשליסנדיק זיך אין די ד׳ אַמות פֿון די אייגענע חזיונות. סוצקעווערס ליד איז אַ ווידוי פֿון אַ דור, וואָס האָט אין תּוהו־ובֿוהו פֿאַרלוירן די אמונה אין די הימלען און אָפּגעפֿונען גאָטס ממשלה אויף דער ערד אין דער מעטאַמאָרפֿאָזישער שיינקייט פֿון אייביקן וואָרט. דאָס איז דער פּאָעטישער גילגול נאָך אַלע גיהנומס און חלומות. ער האָט נישט קיין אַנדערע בחירה ווי נאָר דעם וואָרטאַנקער, וואָס ער לאָזט אים אַראָפּ אין די תּהומות. די דאָזיקע וואָרט־ממשלה איז זייער גנאָדיק צו אים. אַנשטאָט צו שלײַדערן אויפֿן פֿאַרמעט דאָס שווער־געפּרוווטע יסורימדיקע קול פֿון אַ צעבראָכענעם ייִדן־דור (ווי דאָס האָבן געטאָן, למשל, ביאַליק, קאַצענעלסאָן, יעקב גלאַטשטיין, אַהרן צייטלין און ווילח״א חיים גראַדע), זינגט סוצקעווער מוזע שוין איצטער פֿול מיט לויב

צום שיינעם וווּנדערלעכן וואָרט, צו דער העלער, בליציקער העלזעערישקייט פֿון אַ שורה, צו דער אַנטפּלעקונג פֿון אַן אייגענעם זיסן קערן אין דער ייִדישער פּאָעזיִע, און ער סובלימירט אַלץ מער דאָס מענטשלעכע, בלוטיקע געשריי צו אַ שגעונדיקער וועלט. ער דערוויַיטערט זיך פּאָעטיש פֿונעם צעבראָכענעם ייִדן־דור, (דאָס מיינט נישט, אַז ער טראָגט נישט אין זיך נאָך אַלץ דעם גיהנום פֿון דאָרטן), פֿון דער גײַסטיקער ייִדן־הערלאַיק מיט זײַן אונטערערדישער און דאָך הימלישער "געהיימשטאָט". ער נעמט־אויף דעם בראשית פֿון אַ נײַער ייִדנוועלט, וואָס בליט פּייסאַזשיש אַנדערש אויף דער אַלטער, האַלב־טויטער, ייִדישער, אויפֿגעוואַכטער ערד. אַלץ ווערט ביַי אים דאָ געמײַסטערט מיט אַ כּמעט העלענישער באַוווּנדערונג פֿון שיינקייט. בופֿאָנס וואָרט "דער סטיל — איז דער מענטש" לאָזט זיך לײַכט פּאַראַפֿראַזירן: דער פּאָעט סוצקעווער — דאָס איז זײַן חידוש־וואָרט, דער קלאַסישער רויִקער פּערז, וואָס לײַכט מיט זונען און כליפּעט אין צעבראָכענע ייִדישע טראַף־אַטאָמען מיט זילבנטרערן.

אין די לידער פֿון טאָגבוך איז איצט אויך צו באַגעגענען אַ פּאַסטאָראַל־לויטערן און איינצײַטיק עלעגישן ניגון, וואָס מיר געפֿינען נאָר ביַי וועלטליריקער. דאָ שמייכלט צו אונדז טריב דער גרויסער מיסטעריעזער צײַט־כּישוף אין זײַן קאָסמישער פֿאַרוואַנדלונג. די אָ מיסטעריע ווערט דורכן פּאָעט עלעגיש־ליריש אַנטפּלעקט אין, למשל, דרײַ ווײַטערדיקע קלאַסיש־אויסגעקריצטע סטראָפֿעס. די צײַט־רעטעניש פֿון דער קינדהייטוועלט וויל זיך אַליין אַנטבלויזן אין דער געבורט פֿון פּאָעטישן רעיון:

דערקלערן ? ווי אַזוי דערקלערן ?
די זון איז ניט געוואָרן קעלטער,
נאָר שמעלצן קאָן זי ניט קיין טרערן
און בלויז די קינדהייט ווערט ניט עלטער.

איר ברודער יוגנט איז צעטראָטן
ווי רויטע ווײַנטרויבן אין קעלטער.
שוין זילבערן די האָר ביַים שאָטן
און בלויז די קינדהייט ווערט ניט עלטער.

די שנייען אירע און פֿיאַלקעס
באַקומסטו ניט פֿאַר אַלע געלטער.
ס׳ווערט אַלט איר קיניג און זײַן מלכות
און בלויז די קינדהייט ווערט ניט עלטער.

אין דעם אמתן פּאָעט עלטערט זיך קיין מאָל נישט דער געהיימער און ברכהדיקער קוואַל פֿון יצירה. זײַן בראשית, אין אונדזער פֿאַל, הויערט אַרום די לײַכטנדיקע שנייבערג פֿון דער קינדהייט. אַלע ערשטע טרערן, חלומות, גאַרונגען שטאַרבן קיין מאָל נישט אין זיינגענדיקן האַרצן. אויך איצטער געפֿינט ער די איינציקע טרייסט אין די אותיות־פּורחות, בעת די קינדהייט און די יוגנט זענען לאַנג שוין פֿאַרוועלקט. שוין זילבערן זיך שטאַרק די האָר און ס׳ווערט אויך עלטער דער קיניגליכער פּאָעט אין זײַן מלכות פֿון שיינקייט. ס׳ווערט אָבער נישט אַלט זײַן כּישופֿדיק וואָרט, וואָס פֿלאַטערט אַרום אים און פֿון וואָס ער בויט אויס פֿאַר זיך און פֿאַר אונדז דעם קרישטאָליקן, שיינעם פּאַליי פֿון חזיון און מיסטעריע אין דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע.

צווישן די 65 לידער פֿון טאָגבוך (אַגבֿ: צי איז נישט די צאָל 65 אַ פֿאַרבאָרגענער, לײַכטער רמז אויפֿן דערנענטערן זיך פֿונעם פּאָעטס 65סטן געבוירן־טאָג?) איז כּמעט אין יעדן ליד פֿאַראַן אַ פּראָבלעם, וואָס ווערט דורך אים אַרויסגעהויבן מיט די דינסטע ניואַנסן פֿון סימבאָליק און האַלב־מיסטישע טענער. אָט זענען בלויז עטלעכע פֿון די אַ באַרירטע אידעען און פּראָבלעמען: צײַט — ווי אַ מיסטיש־אייביקער פֿאַקטאָר; מענטש־דויער — ווי אַ מעטאַפֿיזישער סוד; דאָ און דאָרטן — ווי אַ הערמעטישער איינס, געפֿירט דורך דער האַנט פֿון דער אַלמאַכט; ליבשאַפֿט און קינאה; מלאכים און דעמאָנען; גילגול הנשמות; גײַסט און חומר; די ערשטע סיבה און נאָך אומצאָליקע פּראָבלעמען. אַבֿרהם סוצקעווער איז צוגעקומען צו דער דערקענטעניש, אַז צווישן דער טראַגיק פֿון אונדזער פֿאָלק און דער תּחיית־המתימדיקער נאַציאָנאַלער געבורט, פֿירט „אַ קדמונדיקער נבֿיא, וואָס איז קיין מאָל ניט געשטאָרבן”. אין דעם פּאָעטס זעונגען רוט אויך די גוטע רחמימדיקע האַנט פֿון דער היסטאָריש־נאַציאָנאַלער און טראַנסצענדענטאַלער השגחה, וואָס וועט „אויסלייזן פֿון תּהום צו תּהום די שמייכלען פֿונעם קרבן”. דאָס איז דער פּאָעטישער האָניק פֿון אמונה און רחמים, דאָס זענען די געהיימע עלעקסירן פֿון פֿאָלקס־קיום, הגם דעם פּאָעטס שורות זענען

קאַפקאַיִש פֿאַרסמט מיט די שווערע נסיונות פֿון אונדזער דור. ער וויל נישט און קאָן נישט אַנטרינען פֿונעם עבֿר. ער פֿאַרנעמט ווי עס ״פֿאַרוואַנדלען זיך אין אויערן די אויסגעצאַנקטע יאָרן / און הערן פֿון אַן איילבערטבלעטל דאָס געוויין פֿון מבול״ (ז׳ 36). ער איז אין גאַנצן איבערגעגעבן צו די געהיימע כּוחות פֿון ריינער ייִדישער גײַסטיקייט. ״פֿאַרוואַנדלען וועל איך צײַט אין רוחניות, אָט איז מײַן אידעע! / פֿאַרוואַנדלען וועל איך טויט אין לעבן; איך, דער לאַנג־פֿאַרלענדטער״. (ז׳ 36) — רופֿט מיט ערלעכן פּאַטאָס דער פּאָעט. אָבער לסוף פֿון אַלע זײַנע מעטאַפֿיזישע און מיסטישע רעיונות קערט ער זיך דאָך צוריק מיט גרויס בענקשאַפֿט צום ליכטיקן הומאַניזם, צום מענטשן, צום אַפּאָטעאָז פֿאַר אַ גוטער האָפֿענונג. ער זינגט מיט גרויסער פֿרייד, אָבער אויך מיט טיפֿן צער, דאָס באַפֿרײַערישע, טרערנדיקע געזאַנג פֿון אונדזער אומגליקלעכן ייִדן־דור. דאָס ערשטע מאָל, דוכט מיר, געפֿינען מיר אין סוצקעווערס לידער פֿון טאָגבוך אַזוי פֿיל וויינענדיקע שורות, אָנגעזאַפּטע מיט טרערן אין אַלערליי נוסחאָות. דאָס ברענגט אים נאָך נעענטער צום ריינעם, אויסגעקלאָרטן און שטאָלץ־ייִדישן הומאַניזם. דער פּאָעט אין אים וויינט. ער וויל נישט אויסבאַהאַלטן און פֿאַרשעמען די מענטשלעכע טרער. אין די געהיימע פֿידלקלאַנגען הערט זײַן אויער, גראָד ווי פֿונעם קאָסמאָס, פֿון די צעפֿאַלענע הימלען די ״מוזיק פֿון טרערן״ (ז׳ 37). וואָרעם ״אַ קליינע טרער. זי לעשט זיך ניט אין ליידן און אין פֿריידן״ (ז׳ 77).

אין דער שורה פֿון אונדזערע גרויסע ייִדישע פּאָעטן זעט מיר אויס אַבֿרהם סוצקעווער — פֿון דער ייִנגערער גענעראַציע דיכטערס — צו זײַן דער ערשטער (מיטן אויסנאָם פֿון ה. לייוויק), וואָס גליט מיט זײַנע רמ״ח אבֿרים אינעם יצירהפֿײַער ביז זײַן לעצטן בלוטצעל, אָדער געפֿרוירענעם אָטעם. אַפֿילו די פֿינצטערניש גופֿא הערט קיין מאָל נישט אויף אין אים צו שפּילן מיט דער ״מוזיק פֿון טרערן״. זײַן פּאָעטישער דיאַפּאַזאָן ברייטערט זיך אַלץ מערער אויס און איז איבערפֿול מיט גלײַכע חלומות. אַפֿילו ״גײַסטער אויסגעהונגערטע״ פֿירן זייער מלחמה אין זײַן פֿריידיקער און טריבזעליקער מוזע. ער איז אומגעזעטיקט ״צו קלאַנגען און צו שטימען״ (ז׳ 39), בלאָנדזשענדיק אין זײַן פּרעהיסטאָרישן אורוואַלד, ווו ״פֿון גרינע היילן שורשען צווישן וואָרצלען גרינע טרערן״ (ז׳ 39).

מיט פּאָעטישער התמדה זינגט ער אויס זײַן אַהבֿת־ייִדיש און אַהבֿת־ייִדן. ער ווייס, אַז צו ״מײַן אָפּגעברענטן אַלף־בית. ניטאָ צו אים קיין צווייטער״ (ז׳ 40). אַ קרבן־גרייטקייט ליגט

אין זײַן בענקעניש אויפֿצודעקן דעם אור־הגנוז פֿון יצירה. צוויי מלאָכים ראַנגלען זיך אין אים: דער מלאך פֿון טריבער פֿינצטערניש און דער מלאך פֿון ליכטיק פֿײַער — "און ביידע זענען הונגעריק און פֿאַר מײַן הונגער ווייניק" (ז׳ 40). אויך דער בליץ ברענגט אים די אַסאָציאַציע, אַז דאָס איז דער "אָפּגעבערענטער אַלף־בית", ווײַל — "דײַן בליץ באַלויכט מײַן פֿינצטערניש, דײַן בליץ באַלויכט מײַן פֿײַער", ביז "דער אָפּגעברענטער אַלף־בית נעמט ווידער יוירן, יוירן" (ז׳ 40).

אין איינס פֿון די לידער אינעם טאָגבוך איז פֿאַראַן די פֿאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע שורה, וואָס וואַרפֿט אַ ליכט אויך אויף די עיקר־ספּרוזשינעס פֿון סוצקעווערס יצירה: "...איך שרײַב אין / ירושה־טאָגבוך, אַז צו אים געהערן מײַנע אוצרות". (אונטערגעשטראָכן דורך י. ש. — ז׳ 54). דאָס איז אַן אָנזאָג פֿון אַן אינטימסטן חשבון־הנפֿש בײַ אַ שאַפֿער און פֿון אַ קלאָרן וועג צו זײַן גרויסער פּאָעטישער ירושה. אין איר זענען פֿאַרקריצט די גסיסהדיקע שמייכלען, די נישט־אויסגעוויינטע טרערן, די גיהנומדיקע נסיונות און די טיף־דנאָיִקע געשפּענסטיקייטן פֿון אַ ייִדן־דור, ווו "ס׳בלאָנ־דזשעט ווי אַ זונשטראַל אָן אַ זון דײַן שמייכל / אין וואַלד פֿון אויסגעהאַקטע שאָטנס" (ז׳ 54). נישט אין איין סטראָפֿע אינעם טאָגבוך קומט צוריק די אידעע פֿון ירושה אין איר גלייביקן, שמייכלענדיקן המשך. און וואָס אַזוינס זענען סוצקעווערס אוצרות פֿון דער דאָזיקער ירושה? ער וועט "איבערלאָזן ווען אַ ניט־אויסגעשעפּטן ברונעם", אַ ברונעם פֿון באַ־צויבערנדיקע זוניקע חזיונות, ווו ס׳וועלן אויפֿגיין "נײַע רינגען, פֿאַר אַ דאָרשט אַ זוניקן" (ז׳ 58). דאָס איז אין קווינטעסענץ דער גלייביקער, גרויסער אָפּטימיסטישער רוף צו די אַלע, וואָס זינגען שוין, אין עלעגישע הספּדים, די קדיש־עפּיטאַפֿן צו די ייִדישע האַלב פֿאַרברענטע אותיות. ווער ווייס פֿון וואַנען ס׳קומט צום פּאָעט דאָס דאָזיקע בטחונדיקע, שלי־חותדיקע, פֿײַער פֿון אמונה, און די הערא־ִק פֿון זײַן ייִדיש וואָרט. אפֿשר קומט צו אים די אָ התלהבֿות פֿון פּאָעטישער אמונה, פֿון קאָסמישע השגחה־כּוחות און פֿון די אייביק־אומפֿאַרלענדטע, שוועבנדיקע אותיות־פֿורחות, וואָס לאָזן אים נישט אַנטרינען פֿון געטלעכן באַשאַף און פֿון די "שטראָ־מענדיקע וואָרצלען".

טרינקסט־אָן די וואָלקנס און זיי שענקען דיר צוריק אַ רעגן.
און אויב דו פֿאַלסט אַרײַן אין ים, איז נאָר כּדי זאָלסט קאָנען
יונגטײַכיק שפּאַנען ווײַטער אויף ממשותדיקער ערד
און בלײַבן ווו דו ביסט און שלאָגן שטראָמענדיקע וואָרצלען.

די שטראָמענדיקע וואָרצלען שלאָגן הילכעוודיקער, נענטער,
זיי שלאָגן שוין אַצינד אין מײַנע אָדערן, אין האַרצן.
כ׳בין אויך אַ סודותדיקער טײַך און יעדע רגע אַנדערש
דער נאָמען מײַנער, נאָר ניטאָ פֿאַר מיר אַזוי פֿיל נעמען.
ז׳ 59

◉

בײַם פֿאַרענדיקן לייענען די לידער פֿון טאָגבוך (לא אבוש ואודה — אפֿשר פֿינף מאָל) האָב איך געהאַט דאָס נישט־אילוזאָרישע געפֿיל, אַז דאָס דאָזיקע, אין קליינעם היקף מאָגערע לידער־ביכל — אין אַ שטיל־באַשיי־דענעם פֿאָרמאַט — מיט אויטאָפּאָרטרעטישע צייכענונגען — שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ גרויסן אידעען־קווערשניט און אַן אומגעהײַערקייט פֿון יצירה־עסענץ פֿון אַלע זײַנע ביז איצט דערשינענע ווערק, בתוכם אויך זײַן מקורותדיקע פּאָע־טישע פּראָזע, ווו ער באַלעבט די אומקום־תקופֿה מיט אַן אַפּאָקאַליפּטיש־פֿאַנטאַסטישן רעאַליזם. אָבער על־כּולם מוז מען אונטערשטרײַכן, אַז אַחוץ דעם קאָנצענטראַט אין די לידער פֿון טאָגבוך, אַחוץ די פֿיל־קלינגעוודיקע און פֿיל־קאָלירקע וויזועלע קאָנסטרוקציעס און די הויכע דערגרייכונ־גען אין זײַנע שוין באַקאַנטע ווערק — באַגעגענען מיר אין דאָזיקן טאָגבוך נאָך אַ פּאָעטישן געווירץ, נעמלעך: ״פֿאַראַן אַ היילנדיקער טעם פֿון גאָט־געבענטשטע קלאַנגען״ (ז׳ 44).

און די אַלע פֿאַרכּישופֿטע קלאַנגען און זייער ״היילנדיקער טעם״ האָבן אַן אומרויִקע, גײַסטיקע הערויִק און אַן אַלץ מער געשטײַגערטן עקסטאַז. זיי גייען אָבער נישט אַוועק פֿון אַ ריינער פֿאַרנונפֿט, וואָס מיר געפֿינען נאָר בײַ גרויסע פּאָעטישע בעלי־יצירה. דאָס אַלץ שאַפֿט פֿאַר אונדז אַ ליכטיקן ניגון פֿון אַן ערדיש און הימליש קיניגרײַך ״פֿון גאָט גע־בענטשטע קלאַנגען״. מען קאָן זאָגן, אַז סוצקעווערס אויפֿ־נעמען פּאָעזיע איז ווי אַ ריין־רעליגיעזער אַקט, אַ הייליקער מיטאָס, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען צום לעבן פֿונעם תהום און אַכזריות. פּאָעזיע איז פֿאַר אים דער שם־המפֿורש צו אַלע ערדישע און הימלישע רעטענישן. דער דאָזיקער שם־המפֿורש באַפֿרײַט אים פֿון ייִאוש, פּחד און לעבנסגרויל. אויך אונדז באַפֿרײַט ער פֿון אַלע טראַוומאַטישע קלעפּ און שענקט אונדז אַן אינטימע פֿרייד, כּדי צו זען די וועלט אין אַ נײַ־כּישופֿדיק געשטאַלט און אין בראשית־גרענעצן. צוזאַמען מיט אים שטײַגן מיר אין דער באַגײַסטערונג, אין אַ האַרמאָנישער גליקזעליקייט, וואָס נאָר קוואַליק־זיסע פּאָעזיע איז מסוגל אונדז צו פֿאַרשאַפֿן.

און אויב ס׳איז נאָך פֿאַרבליבן דער קוואַל פֿונעם וויטאַלן געהיימען כוח פֿון אַ נאַציאָנאַל־היסטאָרישער באַשערטקייט פֿון ייִדיש־לשון, אויב ס׳רוט אויף אונדז די פּאָעטישע השגחה, וואָס שיצט דעם גורל פֿון די האַלב־פֿאַרלענדטע צוויי און צוואַנציק ייִדישע אותיות — רופֿן מיר צום פּאָעט און צו אַלע בעלי־יצירה: זײַט אונדז ווײַטער מבֿשׂר גרויסע פּאָעטישע מעשׂים, און שײַנקייט זאָל רוען צווישן די חלומדיקע שורות. נישט בלויז פֿאַר אונדז, די צום מייסטן געטראָפֿענע און פֿאַר־שעמטע, נײַערט אויך פֿאַר די, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז איבערנעמען די ירושה — מיט חלום, תּפֿילה און אמונה אין דער אומפֿאַרלענדטער שײַנקייט פֿון ייִדיש־לשון. וואָרעם פֿון די קדמונים אָן ביז צו אונדזערע טעג איז די שײַנקייט און דער אידעען־גלי פֿאַרבליבן דער עיקר־יסוד פֿון יעטוועדער מענטשלעכער באַגײַסטערונג. און אַזוי ווערט אויך איצטער אונדזער באַגײַסטערונג באַגלייט מיטן פֿײַער, ליכט און גלויבן אין דער מיסטעריע, וואָס הייסט: אומשטאַרביקע, גרויסע יצירה אין ייִדיש־לשון. זאָל דער זכות פֿון די נאָך־טליִענדיקע הייליקע אותיות אונדז אַלעמען בײַשטיין און זײַן פֿאַר אונדז אַ שיינער לעבנספּאָדעם, וואָס וועט זיך קיין מאָל נישט איבעררײַסן. און צוזאַמען מיטן פּאָעט פֿליסטערן מיר זײַנע שורות:

אַ בינענזשום אין אָוונט איז דער פּאָדעם
פֿון דיר צו מיר. מיר זעען אים און הערן.
און ס׳הערט ניט אויף בן־אָדם זײַן בן־אָדם,
געבענטשט מיט ערשטן און מיט לעצטן שטערן.

ז׳ 11

ביכער פון ישעיהו שפיגל

יידיש:

מיטן פנים צו דער זון — **לידער. פארלאג ״אלפא״, לאדזש, 1930**
מלכות געטא — **נאוועלן. פארלאג ״דאס נייע לעבן״, לאדזש, 1947**
שטערן איבערן געטא — **נאוועלן. פארלאג ״ייד. פאלקס־ביבליאטעק״ ביי דער ארגאניזאציע פון די פוילישע יידן אין פראנקרייך, 1948**
מענטשן אין תהום — **נאוועלן. פארלאג ״איקוף״, בוענאס־איירעס, 1949**
און געווארן איז ליכט — **לידער. פארלאג ״יידיש־בוך״, ווארשע־לאדזש, 1949**
ליכט פונעם אפגרונט — **נאוועלן. פארלאג ״ל. מ. שטיין פאלקס־ביבליאטעק״ בײם אלוו. יידישן קולטור־קאנגרעס פאראייניקט מיט ״ציקא״, 1955**
די בריק — **נאוועלן. פארלאג ״י. ל. פרץ״, תל־אביב, 1963**
פלאמען פון דער ערד — **ראמאן. פארלאג ״ישראל־בוך״, תל־אביב, 1966**
שטיגן צום הימל — **ראמאן. פארלאג ״י. ל. פרץ״, תל־אביב, 1966**
געשטאלטן און פראפילן — **ליטערארישע עסייען — ערשטער בוך פארלאג ״המנורה״, תל־אביב, 1971**
די קרוין — **דערציילונגען. פארלאג ״ישראל־בוך״, תל־אביב, 1973**
שטערן ליכטן אין תהום — **געזאמלטע דערציילונגען, צוויי בענד. פארלאג ״ישראל־בוך״, תל־אביב, 1976**
צווישן תוו און אלף — **געזאמלטע לידער. פארלאג ״ישראל־בוך״, תל־אביב, 1978**
צוויי דערציילונגען ✡ שני סיפורים — **מיידיש: מרדכי אמיתי. פארלאג ״ישראל־בוך״, תל־אביב, 1978**

עברית:

מלכות גיטו — **סיפורים. תרגם: א. ד. שפיר, מבוא: ד. סדן. הוצאת הקיבוץ המאוחד, תל־אביב, 1952**
ערומים בטרם שחר — **רומן. תרגם: א. ד. שפיר. הוצאת ספרית פועלים, תל־אביב, 1968**
אור מעמקי תהום — **ל״ו סיפורי שואה. תרגמו: א. ד. שפיר, בנימין טנא, הקדמה: ד. סדן. סוף דבר: י. גלאטשטיין. הוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב, 1969**
מדרגות אל השמים — **רומן. תרגם: א. ד. שפיר. הוצאת עם עובד, ספריה לעם, תל־אביב, 1970**
הגשר — **סיפורים. תרגם: נפתלי גינתון. הוצאת ספרית פועלים, תל־אביב, 1974**
האשמורת השלישית — **סיפורים. תרגמו: מ. אמיתי, נ. גינתון. הוצאת הקיבוץ המאוחד, תל־אביב, 1976**
שני סיפורים ✡ צוויי דערציילונגען — **תרגם: מרדכי אמיתי. הוצאת ״ישראל־בוך״, תל־אביב, 1978**

פראנצייזיש:

LES FLAMMES DE LA TERRE (**פלאמען פון דער ערד**)
Traduit: Rachel Ertel; Editions Gallimard, 1973